STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01408

BAY'M DOKTOR

Sholem Aleichem

•

Permanent preservation of this book was made possible
in honor of
Yached & Naftali Birnbaum
by their grandchildren, great-grandchildren and great-great grandchildren

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

MAR

ביי'ם דאקטאר.

(מאנאלאג)

פון

שלום־עליכם.

— איך וויל אייך בעטען, הערר דאקטאר, איין זאך: איהר זאלט מיך אויסהערען. דאס הייסט נישט דאס שלאפקייט מיינס זאלט איהר אויסהערען, פונ'ם שלאפקייט וועלען מיר שמועסען שפעטער. איך וועל אייך שוין אליין אויפקלעהרען, אין וואס עס באשטעהט מיין שלאפקייט. ווילען וויל איך איהר זאלט אויסהערען מיך אליין, ווארום ניט א יעדער דאקטאר האט ליעב אויסהערען דעם חולה. ניט איעדער דאקטאר לאזט זיך רעדען. דאקטוירים האבען א טבע זיי לאזען זיך נישט רעדען. זיי וויסען נאר טאפען דעם דופק, קוקען אויפ'ן צינגער, פארשרייבען א רעצעפט און נעמען פארן וויזיט. אויף אייך האב איך געהערט זאגען, אז איהר זענט ניט פון די דאקטוירים. איהר זענט נאך, זאגט מען, א יונגער דאקטאר, און זענט נאך ניט אזוי להוט, פארברענט נאכ'ן

קערבּיל, ווי אַנדערע דאָקטוירים. בּין איך דערפֿאַר, הייסט דאָס, טאַקי געקומען צו אייך זיך מיט אייך אַנ׳עֵצָה האַלטען מכּח מיין מאָגען. איך בּין, ווי איהר זעהט מיך, אַ מענטש מיט אַ מאָגען. עַל פּי חָכְמַת הדאָקטאָריע קומט אַפילו אויס, אַז יעדער מענטש מוז האָבען אַ מאָגען, נאָר ווען איז דאָס גערעדט געוואָרען? אַז דער מאָגען איז אַ מאָגען, אָבער אַז דער מאָגען איז קיין מאָגען ניט, היינט צו וואָס טויג דאָס לעבען? וועט איהר דאָך מיר ענטפֿערען מִסְתָּמָא, מיט׳ן פָּסוּק: בַּעַל־כָּרְחֲךָ אַתָּה חַי? ווייס איך עס אָהן אייך. פֿאַר דעם „בַּעַל כָּרְחֲךָ" האָב איך נאָך אין חֶדֶר געחאַפּט שמיץ. איך שמועס פֿון דעם, וואָס אַ מענטש כָּל־זְמַן ער לעבט, ווילט זיך איהם ניט שטאַרבּען, חאָטש דעם אֱמֶת דאַרף איך אייך זאָגען, אַז איך אַליין האָב פֿאַר׳ן טוידט כְּלָל קיין מוֹרָא נישט, וואָרום ערשטענס בּין איך שוין אַריבּערגעשפּאַנט שִׁשִּׁים, וְהַשֵּׁנִית בּין איך אַזאַ מענטש, וואָס קאַטאָרי לעבען און שטאַרבּען איז בּיי מיר גלאַט אַליץ איין יוֹם טוֹב, דאָס הייסט לעבען איז אַוַדַאי גלייכער ווי שטאַרבּען, וואָרום ווער וויל דאָס שטאַרבּען? וּבִפְרַט אַ ייד? וּבִפְרַט אַ טאַטע פֿון עלף קינדער, זאָלען געזונד זיין, מיט אַ ווייבּ, חאָטש דאָס דריטע ווייבּ, נאָר דאָך אַ ווייבּ. בְּקִצוּר אַליין בּין איך אַ קאַמעניצער, דאָס הייסט ניט פֿון קאַמעניץ גּוּפָא, נאָר פֿון אַ שטעדטעל ניט וויים פֿון קאַמעניץ, און בּין, אַז אָך און וועה איז מיר, אַ ייד אַ מיהלנער, איך האַלט אַ מיהל האַלט איך, דאָס הייסט די מיהל האַלט מיך, וואָרום ווי זאָגט איהר, אַז מע קריכט אַריין ליגט מען, אַ בְּרִיָּה האָט מען? ס׳איז אַ ראָד פֿאַרשטעהט איהר מיך און סע דרעהט זיך! בּאַרעכענט זיך אַליין, אַז פֿאַר ווייץ בּעדאַרף מען צאָהלען מיט מְזוּמָנִים? און מעהל מוז מען צעטיילען אויף קרעדיט? אַ וועכסעל אַ הין אַ וועכסעל אַ הער, און צוטהון האָט

מען מיט גראָבע נפשות, אונ מיט ווייבער, איהר האָט עפּעס
ליעב — ווייבער? גאָה גיב זיי אָב דין וחשבון, אַלמאַי דאָס,
אַלמאַי יענץ? אַלמאַי עס איז ניט געראָטען ביי זיי די חלה?
וואָס בין איך שולדיג? אפשר, זאָג איך, איז ביי אייך ווענינג
היטץ? אָדער אפשר איז ביי אייך געוועזען שלעכטע הייוועז?
אפשר איז ביי אייך געוועזען, זאָג איך, נאָס האָלץ? פאַלט מען
גאָך אָן אויף אייך, אונ מע מאַכט אייך מיט דער בלאָטע אונ
מען איז אייך מבטיח, אַז דאָס אַנדערע מאָל וועט אייך
פליהען די חלה אין קאָפּ אַריין... איהר האָט עפּעס ליעב
אַז ס'פליהט אייך אַ חלה אין קאָפּ אַריין? דאָס זיינען די
קונה'טעס די אֲחָדים'ניצעס; נאָר איהר מיינט אַוודאַי די קונים
די האָרטאָוויקעס זענען בעסער? אויך ניט בעסער! לכתחלה
אַז דער קונה קומט אין מיהל אַריין אונ וויל זיך מאַכען
אַ קרעדיט, איז ער ווייך ווי אַ פּוטער, מיט טויזענד חניפה'ליך
אונ קאָמפּלימענטען, חאָטש נעם לייג איהם צו צו אַ מכה;
אונ נאָכדעם אַז עס קומט צום צאָהלען, הייבט זיך אַ צעטעל
פון טענות: דער טראַנספּאָרט איז איהם שפּעט אָנגעקומען,
די זעק האָבען זיך צוריסען, די מעהל איז געוועזען ביטער,
טוכלע, צוגעלעגערט הייסט עס, צרות מיט שלעק — אַכצעהן
חרונות מיט זיבען אונ צוואַנציג תירוצים. „אונ געלד?" געלד,
זאָגט ער, שיקט אַריין אַ חשבון! אַ האַלבער סלוק הייסט דאָס.
שיקט מען איהם מאָנען, זאָגט ער: „מאָרגען". מאָרגען —
„איבער מאָרגען". אַ נעכטיגער טאָג! הויבט מען איהם אָן
סטראַשען מיט אַ פּראָטעסט אונ מע גיט אויף איהם איין. נו, אונ
אַז מע גיט שוין איין מיינט איהר איז וואָס? האָט מען אַ „ליסט",
אונ אַז מע קומט מיט'ן „ליסט" איבערשרייבען, איז במילא
אַלסדינג אויף די ווייבס נאָמען, אונ גאָה רוף איהם קנאַק-
ניסעל! נו, פרעג איך אייך, ביי אַזעלכע געשעפטען, ווי זאָל

מען ניט האָבען קיין „מאָגען״? ניט אומזיסט זאָגט צו מיר מיינע, חאָטש זי איז ביי מיר ניט דאָס ערשטע, זי איז דאָס דריטע, און דאָס דריטע ווייב איז דאָך, ווי זאָגט איהר, די זונן אין שבט, נאָר דאָך אַוועקמאַכען קאָן מען זי ניט, פאָרט אַ ווייב: „וואַרף אַוועק, זאָגט זי צו מיר, נח, וואַרף אַוועק דאָס מעהל-געשעפט, לאָז זיך עם אָנצינדען מיט דער מיהל אינאיינעם, וועל איך אויך וויסען, אַז דו לעבסט אויף דער וועלט!״ — „ע=הע=הע! — זאָג איך — די מיהל זאָל ווערען ברענען! זי איז גוט געסטרעכירט״... „ניט דאָס, זאָגט זי, מיין איך, נח, איך מיין, זאָגט זי, וואָס דו לויפסט אַרום, ניט קיין שבת ניט קיין יום=טוב, ניט קיין ווייב ניט קיין קינד, וואָס? וואָס פליהסט דו?״... פרעגט מיך בחרם, איך ווייס אַליין ניט, וואָס איך פליה. וואָס זאָל איך טהון, אַז ס׳איז ביי מיר אַזאַ טבע צו אַלדע רוחות?... *איך האָב ליעב דרעהען*! טאָמער מיינט איהר מע האָט עפּעס פונ׳ם דרעהען? צרות האָט מען! וואָס פאַר אַ געשעפט איהר זאָלט מיר ניט געבען, נעם איך דאָס אָן, ניטאָ פאַר מיר קיין שלעכטער בראָנפען: זעק — איז זעק, האָלץ — איז האָלץ, „טאָרגעס״ — איז „טאָרגעס״, איהר קענט אַוודאי מיינען, אַז אַחוץ דער מיהל האָב איך שוין מעהר קיין געשעפטען ניט? האָט איהר מחילה אַ גרויסען טעות! ווי איהר קוקט מיך אָן, האַנדעל איך מיט וואַלד, מיט איינעם אַ שותף, וואָס מיר האַקען איהם, און שטעל צו פראָוויאַנט אין דער טורמע, און האָב אַ חלק אין דער טאַקסע, און דערלייג דווקא אַלע יאָהר צו איהר געלד, איהר וואָלט זיך עס ווינשען פאַרדינען אַלע חודש, איך בין אייך קיין שונא ניט. אַי צו וואָס דאַרף איך זי? קהל אויף צו להכעים! איך בין, ווי איהר זעהט מיך, אַ גרויסען בעל-נצחון; ביי מיר צוליעב נצחון איז כדאי די גאַנצע שטאָדט זאָל געהן

צו גרונד און אַלײן באַגראָבען װערען—אַבי אױספֿיהרען מײנם! איך בין, װי איהר זעהט מיך, אַ מענטש דװקא אַזױ זיך ניט קײן שלעכטער בטבע, נאָר אַ גרױסער „קאַפּריז", אַ „ספּילשליװער" הײסט עס, מיך אַז מע ריהרט מיך אָן אין כּבוד, איז חיות ניט זיכער, און דערצו בין איך נאָך אַ שטיקעל עקשן אױך. איך בין אַ בעלן געװען אַ מאָל, אין די גוטע יאָהרען, פֿאַר אײן „אַתּה־הָראֵיתָ"לע בײ אונז אין בית־המדרש געהן ביז'ן בלוט אַרײן; דאָס בית־המדרש האָט מען פֿאַרמשפּט — און איך האָב טאַקי אױסגעפֿיהרט מײנם. װאָס זאָל איך טהון? ס'איז בײ מיר אַזאַ בלוט! ס'איז בײ מיר נערװען, זאָגען זײ, די דאָקטױרים, און ס'האָט, זאָגען זײ, אַ שײכות צום מאָגען, האָטש אפילו על־פּי שׂכל קומט דאָס אױס װילד, װאָרום װאָס געהער זיך אָן נערװען מיט אַ מאָגען? אַבּיסעל אַ סמיכת הפּרשה! װאו זענען די נערװען? און װאו איז דער מאָגען? נערװען זענען דאָך צוזאַמענגעסטען, על־פּי חכמת הדאָקטאָריע, דאַכט זיך דאָרט װאו די געהירען? און דער מאָגען איז דאָך גאָר װײס איך װאו, פֿאָלג מיך אַ גאַנג!... שאַט, אָט באַלד ענדיג איך, װאָס חאַפּט איהר זיך אַזױ? זיצט נאָך אַ מינוט. איך װיל דאָך אײך אױסדערצעהלען אַקוראַט, איהר זאָלט מיך אױסהערען און זאָגען מיר, פֿון װאַנען האָט זיך גענומען צו מיר אָט דער דאָזיגער אומגליק. איך מײן דעם מאָגען מײן איך. אפשר איז דאָס פֿון דעם, װאָס איך בין נע־ונד, בין קײן מאָל נישטאָ אין דערהײם, און אַפֿילו דעמאָלט װען איך בין אין דערהײם, בין איך אױך ניט אין דערהײם. איך שװעהר אײך בהן שלי — ס'איז אַ געלעכטער צו הערען און אַ חרפּה צו זאָגען — איך װײס נישט װיפֿיעל קינדער איך האָב און װי אַזױ מע רופֿט זײ. ס'איז ניט גוט הערט איהר אָהן אַ בעל הבית און אָהן אַ טאַטען! איהר זאָלט אָנקוקען בײ מיר אַ שטוב קײן עין־הרע

מיט אַ פֿערּאַנדיק! אַ שיף אָהן רעדער! טאָג ווי נאַכט אַ טאַרעראַם, אַ האַרמידער, זאָל גאָט שומר ומציל זײַן! אַ ווערטעלע אויסצורעדען קײַן עין־הרע עלף קינדער פֿון דרײַ ווײַבער! בשעת דער טרינקט טײ, עסט יענער אָנבײַסען, און בשעת איך דאַווען, גלוסט זיך יענעם שלאָפֿען. דער קנײַפּט אַ בולקע, און דער וויל הערינג; דעם גלוסט זיך מילכיג, און דער שרײַט אין איין קול פֿלײש! און אַז מע וואַשט זיך עסען, איז ערשט דעמאָלט ניטאָ קײַן מעסער מיט וואָס אַ שטיקעל ברויט אָבצושניידען, און צווישען קלײנוואַרג איז אַ טומעל, אַ גיהנם, מיט הריגות, חאַטש נעם לויף אין דער וועלט אַרײַן! און איבער וואָס? אַלץ איבער דעם, הערט איהר, וואָס איך האָב קײַן מאָל קײַן צײַט ניט, און „זי", מײַנע הײַסט דאָס, איז קײַן עין־הרע זעהר אַ גוטע, דאָס הײַסט ניט אַזאַ גוטע, ווי אַ ווײַבּע, קאָן זיך ניט באַגעהן מיט קײַן קינדער, מיט קינדער דאַרף מען קאָנען זיך באַגעהן, קריכען זײ איהר אויפֿ'ן קאָפּ, דאָס הײַסט זי שעלט זײ אַפֿילו, קנײַפּט זײ, רײַסט זײ אויס שטיקער פֿלײש, נאָר וואָס קומט אַרויס? פֿאָרט אַ מאַמע, אַ מאַמע איז ניט קײַן טאַטע; אַ טאַטע לײגט אַנידער און שמײַסט אָפּ אַ קינד. איך ווײס, אַז מײַן טאַטע האָט מיך געשמיסען. און אפֿשר האָט אײַך אײַער טאַטע אויך געשמיסען? וואָס זשע מײנט איהר? איז אַז וואָהל צו אײַך! איך ווײס ניט צי ס'וואָלט פֿאַר אײַך געוועזען בעסער, מע זאָל אײַך ניט געוועזען שמײַסען.... וואָס חאַפּט איהר זיך? איך ענדיג באַלד. איך דערצעהל עס אײַך ניט אומזיסט; דאָס איז צוליעב דעם איהר זאָלט פֿאַרשטעהן מײַן אַרט לעבען, וואָס איך לעב. אפֿשר מײנט איהר, אַז איך ווײס וויפֿיעל איך פֿאַרמאָג? מעגליך, אַז איך בין אַ ייד אַ נגיד און אַ גרויסער נגיד, און מעגליך אַז — צווישען אונז וועט עס דאָך מסתּמא בלײַבען? — אַז איך בין אפֿשר

דערינטער . . . איך װײס ? אַז טאָג װי נאַכט איז נאָר געלאַטעט, װי זאָגט איהר, די טאַפּלי אַרויסגענומען, יענע טאַפּלי אַרײַנגעשטעלט, — ס'איז עפּעס אַ תּירוץ ? צי מע קאָן, צי מע ניט, — נבֿן אַ קינד דאַרף מען געבען ? ובֿפֿרט נאָך אַז נאָט העלפט טעכטער, אונ דערװאַקסענע דערצו ! אַ נו פּרובט האָבען דרײַ טעכטער דערװאַקסענע, קײן עין־הרע, אַלע אין אײן טאָג צו דער חופּה פֿיהרען, װעלען מיר זעהען, צי װעט איהר קענען אײַנזיצען אין דערהײם אַפֿילו אַ טאָג ! הײַנט פֿערשטעהט איהר שוין, װאָס איז דאָס דרעהען װאָס מע דרעהט, מיט'ן פֿליהען װאָס מע פֿליהט ? אונ אַז מע פֿליהט, חאַפּט מען אַ פֿערקיהלונג אין װאַגאָן, אַ בײזע װעטשערע אויף דער אַכסניא, װאָס מע קרײַנקט זי נאָכדעם אוים. הײַנט די רחות װאָס מע שמעקט זיך אָן, מיט דער שענער לופֿט, — מעג מען שוין האָבען אַ מאָגען ? אַ שטיקעל גליק נאָר װאָס איך בין בטבֿע נישט קײן קראַנקער מענש, גוט פֿאַרפֿונדעװעט פֿון דער יוגענד, קוקט נישט אויף מײַן סנאַסט, װאָס איך בין אַזוי דאַר אונ טרוקען ; דאָס האָבען מיך די געשעפֿטען אַזוי אויסגעטריקענט, אונ אַגבֿ איז בײַ אונז טאַקי אַזאַ „גדלע", אַזאַ װאוכס ; מיר האַלטען זיך אַלע הויך אונ דין. איך האָב געהאַט עטליכע ברידער, זענען זײ אַלע געװען אַזוי װי איך מיר צולײַנגערע יאָהר. פֿון דעסטװעגען בין איך, הערט איהר, תּמיד געװען אַ געזונטער מענטש, נישט געװאוסט פֿון קײן מאָגען אונ פֿון קײן דאָקטאָר אונ פֿון קײן שװאַרץ יאָהר, הלװאי װײַטער. נאָר פֿון אַ צײַט אַז מ'האָט מיך אָנגעהויבען שטאָפּען מיט רפֿואות, פּיללען, פּראָשקעס אונ קרײַטער, אונ איטליכער בעזונדער קומט מיט זײַן המצאה : דער הײסט, איך זאָל האַלטען דיעטע, דאָס הײסט „נעדאָיעד", איך זאָל עסען װאָס װינציגער ; אונ דער הײסט, איך זאָל גאָר ניט עסען,

איך זאָל פּאַסטען הײַנט דאָס, זענט איהר שוין פֿאַרטיג? קומט צו געהן אַ נײַער חָכָם אַ דאָקטאָר און זאָגט מיר אָן, איך זאָל דַוְקא עסען און אַ סך! אַפָּנים ער אַלײן האַלט פֿון דער אֲכִילָה? אַלע דאָקטוירים האָבען אַזאַ טֶבַע, אַז דאָס וואָס זײ האָבען ניט פֿײַנט, דאָס הײסען זײ אויך דעם חוֹלֶה. אַ חִדוּש איז מיר נאָר, וואָס זײ הײסען ניט שלינגען קײן קערבלעך?... משוּגָע צו ווערען פֿון זײ! אײנער אַ דאָקטאָר האָט מיר געהײסען געהן אַ סך, גלאַט געהן אין דער וועלט אַרײַן, שפּאַצירען הײסט דאָס; איז געקומען דער אַנדערער דאָקטאָר און הײסט מיר ליגען, און נעה טרעף וועלער פֿון זײ איז מעהר בְּהֵמָה... וואָס דאַרפֿסט איהר אַ סך? אײנער האָט מיך געהאָדאָוועט מיט „ליאַפּעס", כִּמְעַט אַ יאָהר בְּכֵדֵר מיט גאַלע ליאַפּעס! איך קום צום אַנדערען, זאָגט ער: „ליאַפּעס? חַס־וְשָׁלוֹם ליאַפּעס איז פֿאַר אײַך אַ סַם הַמָּוֶת!" — און ער געהט און פֿאַרשרײַבט מיר אַ פּראָשעק, אַ געלען פּראָשעק. מִסְתָּמָא ווײסט איהר וואָס דאָס איז פֿאַר אַ מין פּראָשעק? איך קום צו געהן מיטן געלען פּראָשעק צו אַ דריטען דאָקטאָר, חאַפּט ער ניט דעם געלען פּראָשעק און צערײַסט ניט דעם רעצעפּט און פֿערשרײַבט מיר ניט קײן קרײַטער? אָבער וואָס פֿאַר קרײַטער מײנט איהר? אײדער איך האָב מיך אײַנגעוואוינט, הערט איהר, צו די דאָזיגע קרײַטער, מעגט איהר מיר גלויבען, אַז די גריגע גאַל האָט זיך מיר איבער געקערט! ס'זאָל איהם אָנגעהן, דעם דאָקטאָר, חאָטש האַלב, וואָס איך פּלעג איהם אָנווינשען, בְּשָׁעַת איך פּלעג זײ דאַרפֿען אײַנעמען אַלע פֿאַר'ן עסען; איך פּלעג מיך זעהן בְּשָׁעַת מַעֲשֶׂה מיט'ן מַלְאַךְ הַמָּוֶת! נאָר וואָס טרינקט ניט אַ מענטש צוליעב געזונד?... צום סוף לאָזט זיך אויס, איך קום צו יענעם דאָקטאָר, צום ערשטען הײסט דאָס, וואָס האָט מיך געהאָדאָוועט מיט „ליאַפּעס", און דערצעהל

איהם די געשילטע מיט די ביטערע קריטער, וואס פאראומערען מיר דאס לעבען, ווערט ער מלא רציחה אונ רופט זיך אן צו מיר מיט א מין כעס, גלייך ווי איך האב איהם דא געקוילעט די קאפאטע: „איך האב דאך אייך פארשריבען, זאגט ער, ליאפעס, הייסט וואס לויפט איהר ארום ווי א דולער פון איין דאקטאר צום אנדערען?" זאג איך: „שאט־שאט! איהר זענט דאך נישט אייגער אויפ'ן יריד, קיין קאנטראקט האט מען אייך ניט אונטערגעשריבען, אונ לעבען דארף יענער אויך, יענער האט אויך א ווייב אונ קינדער!"... האט זיך אין איהם אנגעצונדען א פייער, זאלט איהר זעהען, גלייך ווי איך האב איהם דא געזאגט מי יודע וואס! בקצור ער האט מיך געבעטען איך זאל געהן צו יענעם דאקטאר. זאג איך: „קיין צוות בעדארף איך ניט, אז איך וועל וועלען, קאן איך אליין געהן", אונ נעם אונ לייג איהם אוועק א קארב. מיינט איהר אפשר, אז ער האט דאס מיר א שמייך געטהון אין פנים? אבער גאר לא! קערבלעך האבען זיי ליעב. אי האבען זיי ליעב קערבלעך, הערט איהר! א סך מעהר ווי מיר, פראסטע מענטשלעך. זיי זאלען זיך אוועקזעצען א שטייגער אויסהערען דעם חולה ווי ס'געהר צו זיין — דאס איז ביי זיי נישטא, זיי לאזען זיך ניט רעדען א ווארט אנ'איבעריגס. אט בין איך אנומעלטען געווען ביי איינעם א דאקטאר, טאקי איינער א בעקאנטער, איך וויל איהם ניט אנרופען ביי'ם נאמען; איך בין נאר אריינגעקומען, נישט אויסגערעדט נאך קיין צוויי ווערטער, אהא ער הייסט מיר שוין אויסטהון זיך, איך בעט איבער, אייער כבוד אונ איך זאל מיך אנידערלייגען אויף דער קושעטקע, וואס איז? באשר ער וויל מיך אויסהערען. ווילסט מיך אויסהערען? זעהר גוט! הער מיך אויס! וואס זשע לאזט דו זיך ניט רעדען? וואס טויג מיר דאס טאפען וואס דו טאפסט מיך, מיט'ן קלאפען וואס

דו קלאַפּסט מיך? נײַן, האָט ער אָבער קײַן צײַט ניט! עס וואַרטען, זאָגט ער, דאָרט אונטער דער טהיר נאָך מענטשען, איטליכער מיט זײַן „אָטשערעד״. ס'איז הײַנט געוואָרען בײַ אײַך אַ מאָדע „אָטשערעד״ ווי לְהַבְדִיל אויפ'ן באַהן, אָדער אויף דער פּאָטשט בײַ די מאַרקעס... וואָס? איהר האָט אויך קײַן צײַט ניט? בײַ אײַך איז שוין אֶפְשַׁר אויך אַן „אָדשערעד״? איהר זענט דאָך נאָך אַ יונגער דאָקטאָר! ווי קומט איהר צו „אָטשערעדען״? אַז איהר וועט זיך אָט אַזוי פיהרען, הערט איהר, וועט איהר האָבען עַגְמַת נֶפֶשׁ ניט קײַן פּראַקטיקע... און אין כַּעַס בעדאַרפט איהר אויך ניט זײַן, איך האָב נישט געמײנט חָלִילָה אומזיסט, איך בין נישט אַזאַ ייד, וואָס איך זאָל הַס וְשָׁלוֹם פאַרלאַנגען אומזיסט, און חאָטש איהר האָט מיך ניט געוואָלט אויסהערען ביז'ן סוֹף, פון דעסטוועגען, אײנס צום אַנדערען נעהר זיך ניט אָן, פאַר'ן וויזיט בעדאַרף מען אײַך באַצאָהלען... וואָס? איהר ווילט נישט נעמען?... — וויל איך אײַך מיט געוואַלד ניט נויטען.. געוויס האָט איהר פון וואַנען צו לעבען?... מַסְתָּמָא לעבט איהר פון קופּאָנעס?... עס וואַכסט בײַ אײַך?... נו מְהַכְבְתִּיתִי, לאָז אײַך גאָט העלפען, ס'זאָל בײַ אײַך וואַכסען און וואַכסען... אַדיע! האָט קײַן פאַראיבעל ניט טאָמער האָב איך בײַ אײַך צוגענומען צײַט... דערויף זענט איהר דאָך אַ דאָקטאָר...

עס דרוקען זיך און אין גיכען וועלען ערשיינען:

ערצעהלונגען, מעשיות און מאנאלאגען

פון „שלום-עליכם“:

11) פערפלעקט די משפחה!, (ערצעהלונג).

12) דער דייטש, (א הדושליכע מעשה).

13) ביים דאקטאר, (מאנאלאג).

14) 75,000 (א פעקיל).

15) געציל, (א מעשה מיט נים).

16) א גרינגער תענית, (א בילד לכבוד תשעה באב).

17) איין איינענע שטאדט, (א מעשה פון די קליינע מענשעלעך).

18) צוויי כלות, (א מעשה פון מנחם מענדל'ן).

19) ראבטשיק, (א יידישער הונד).

20) דער שניידער, (א מעשה אהן א נ'ע).

דראמאטען, קאמעדיעס און סצענעס:

21) צעזעיט און צעשפרייט.

22) דער גט.

23) מזל טוב.

24) א דאקטאר!

25) סטעמפעניו.

26) די בערזע.

אויסערדעם וועלען זיין געדרוקט קליינע ערצעהלונגען און סקיצען פון פערשידענע יודישע בעסטע שריפטשטעלער, אויך איבערזעצטע פון אנדערע שפראך, בעלעטריסטישע און וויסענשאפטליכע ארטיקלען.

„בּיכער־פאַר־אַלע“

אונטער דעם נאָמען געבּען מיר אַרוים פאַר׳ן פאָלק שען און בּיליג, אין קליינע בּיכלעך, ערצעהלונגען, מעשיות, דראַמאַטען און סצענעס פון׳ם יידישען לעבּען, אַלע וואָך אַ בּיכעל.

יעצט דרוקען מיר פערשידענע ערצעהלונגען פון

„שלום־עליכם“.

עס איז אַרויס פון דרוק:

1) פונ׳ם פּריזיוו, (מאָנאָלאָג) 5 קאָפּ.

2) דער פעטער פּיני מיט דער מומע רייזע, (ערצעהלונג) 5 „

3) פּישל דער מלמד, (ערצעהלונג) 8 „

4) גימנאַזיע, (מאָנאָלאָג) 6 „

5) אַ פאַרשפּילטער ל״ג בעומר. (אַ מעשה פון חדר). 5 „

6) גרינס אויף שבועות, (ערצעהלונג) 5 „

7) דאָס טעפּ׳ל, (מאָנאָלאָג) 5 „

8) באַשערט אַנ׳אומגליק! 5 „

9) האָדל, (אַ מעשה פון טביה דעם מילכיגער) „

10) אַנ׳עצה, (אַ סצענע) 5 „

מיט בּעשטעלונגען זיך ווענדען לויט פאָלגענדע אדרעססע:

„בּיכער־פאַר־אַלע“ אין פערלאַג „האור“, ווארשא, דלוגאַ 26.

„БИХЕРЪ-ФАРЪ-АЛЭ“ при Издательствѣ „Гаоръ“, Варшава, Долгая № 26.